STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04348

VEYTIK UN FREYD

Hadasa Rubin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הדסה רובין

ווייטיק און פרייד

הדסה רובין

ווײטיק און פרייד

פאַרלאַג „יידיש בוך"   ווארשע 1955

HADASA RUBIN

BÓL I RADOŚĆ

Wiersze

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5915. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w grudniu 1955 r.
Ark. druk. 4,5. Ark. wydawn. 1,5. Papier rotogr. III kl. 61 x 86 cm. 90 g,
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 6. B-6-52865

א ליד

ס׳איז ווייט נאָך האַלבנאַכט. כ׳בין נישט מיד.
מיין יעדער חוש איז וואַך און אָפן.
ס׳האָט ערשט נאָר וואָס פון מיר אַ ליד
זיך אָפּגעריסן און אַנטלאָפן.

א ניגון ציטערט בלויז אין מיר,
ווי ווייטע טריט — אַלץ בלייכער, בלייכער.
ניין, קיינער קלאַפּט נישט אין מיין טיר,
ניין, קיינער שטייט דאָרט נישט אָן שמייכל.

אַנטקעגן איבער ברענט א שויב.
איך קוק זיך איין מיט שרעק און ליבע:
מיין וואָרט האָט אפשר צוגעדויבט
די רו פון הויז אַנטקעגנאיבער.

נאָך האַלבער נאַכט איז פרייד, ווי גליק.
זי נידערט מילד מיין מי צו בענטשן.
אָ, זאָלסט, מיין ליד, נישט קומען צ׳ריק,
אָ, זאָלסט פאַרבלייבן צווישן מענטשן.

א ניגון ציטערט נאָך אין מיר,
ווי ווייטע טריט — אַלץ בלייכער, בלייכער.
זאָל דיינע זיין א פרעמדנס טיר,
און עמעצנס זאָל זיין דיין שמייכל.

ביסט ווידער דאָ...

קלאַפּסט ווידער אָן אין מיין האַרץ, ווי אין אַ טיר,
און רופסט מיך שטיל און רעדסט אויף „דו" צו מיר.

איך האָב אַזויפיל מאָל געביטן די אַדרעסן.
נאָר טרעפסט צו מיר. דו ווילסט מיך נישט פאַרגעסן.

ביסט ווידער דאָ. ווי שטענדיק — אַלט און ניי.
גרינהאָריקער, בלויאויגיקער, דו מיינער אומרו־מאַי.

ביסט ווידער דאָ. וואָס ווילסטו זאָגן מיט דיין קומען?
אַז אין מיין האַרץ איז נאָך פאַראַן אַן אָרט פאַר בלומען,

פאַר גרויסע פייערן, פאַר טרוימען און פאַר שטרייט.
אַז דער קאָליר פון מיינע אויגן איז די צייט,

וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין זיי און ווערט נישט אויסגעלאָשן? —
ס'איז יעדער מאַי געווען דאָך מיט בלוט פאַרגאָסן.

אַזויפיל טרוימען נישט דערבענקט, אַזויפיל אויסגעוויטיקט.
יאָ, גרינער מאַי, דו ביסט מיר שולדיק קוויטן —

ס'דאַרף יעדער מענטש אַמאָל דאָך אַלט זיין אַכצן יאָר...
ציינד איצטער אָן דעם שניי אויף מיינע האָר,

פיל אָן מיט ליכט איצט מיינע אויסגעשטרעקטע הענט,
איך וויל נאָך ווערן טויזנט מאָל פאַרברענט

פון גרויסער פרייד, פון נישט געצוימטע גליקן.
ווי ריענבויגנס זאָלן הענגען מיינע בריקן —

דאָס האַרץ איז שטאַרק און זאָגט נאָך נישט: צו הויך...
דורך שטורעם־וואָלקנס וויל איך, נישט דורך רויך,

די זון דערלאַנגען אין איר רויטסטן גלי.
אָ, גרינער מאַי, צעקלינג די לופט מיט פייגל־איבערפלי,

איך וויל דעם שטילסטן רוף פון קנאָספּ צו בלום דערהערן.
כ'וויל כאַפּן פאַלנדיקע שטערן,

צוריק זיי וואַרפן אינעם בלויען אויבנאָן,
ווי כ'האָב אַמאָל אויף דראָט פאַרוואָרפן אונדזער פאָן.

איך וויל נישט אָנווערן שוין מער קיין שטראַל, קיין שטערן.
האָסט מיר געקאַרגט אַמאָל אַפילו טרערן —

מיין בליק זאָל בלייבן שאַרף, דאָס שטאָלצע האַרץ — ווי שטיין,
אָ, גרינער מאַי, ביסט שולדיק מיר געלעכטער און געוויין.

אַ באַגעגעניש

איך האָב זי באַגעגנט היינט אין טראַמוויי —
אַ בוך אין דער האַנט און צעעפנטע אויגן.
אַ גאַס נאָך אַ גאַס איז געלאָפן פאַרביי — — —
איך האָב דאָך דאָס זייטל פון ביכל פאַרבויגן

אַמאָל אין אַ מיטנאַכט, ביים שיין פון א ליכט.
דאָס האַרץ אין דער ברוסט — א צעשראָקענער פויגל.
מיין ווינקל צוקאָפּנס פון שאָטן געדיכט,
און לויטערע הימלען — אַ דאַך פאר די אויגן.

לייג מיר נישט פאָר נאָך, מיין מיידל, דיין פּלאַץ —
איך האָב דאָך נישט לאַנג דיר מיין אָרט אָפּגעטראָטן.
אָן וויטיק פאַרשטעקט זי, מיין בלום אין דיין לאַץ,
געלאָזן פאַר זיך בלויז אַ ליכטיקן שאָטן.

און אויב כ׳קאָן נאָך גיין האַנט ביי האַנט מיט דיר, פריינד,
און טרינקען די אייגענע שיין מיט די אויגן,
איז דערפאַר, ווייל אין ברוסט קלאַפּט נאָך האַסטיקער היינט
דאָס פלאַמיקע האַרץ — מיין צעשראָקענער פויגל.

ווייטיק און פרייד

איך וויל דעם טעם פון רו דערפילן —
סיי פרייד, סיי ווייטיק טוען אַלצאיינס וויי.
כ׳וויל זיין פון ווייסן צווישן די שטילקייט,
די שטילע בלויקייט פון אַן ערשטן שניי.

נאָר וואָס געשעט מיט מיר שוין ווידער?
פאַרשטאַרצטע פינגער לעכערן מיין הויט,
ווי בלעטער פאלן אָפּ און וועלקן לידער.
ס׳איז אפשר רו דער ערשטער קלאַנג פון טויט?

ניין, כ׳וויל מיט קיינעם זיך נישט בייטן.
כ׳וויל ביז צום לעצטן אָטעם זיין א מ ע נ ט ש.
די פרייד איז מיינע און די ליידן,
צי כ׳בין מיט זיי פאַרשאָלטן, צי געבענטשט.

ערב מאי

רייסט אויף די טיר מיין ליכטיק ליד
מיט לייכטן גאַנג, מיט גיכע טריט.
אין אויגן — שיין, און גאָלד אין האָר,
מיט גלעקעלעך פון זיבן יאָר —
— קום, מאַמע, אַנטקעגן דעם מאי...

צייל איך איבער אויף גיך מיין פאַרמעג —
יאָרן צו יאָרן און טעג צו טעג.
פאַלט אויף מיין שטערן אַ פאַסמעלע גרוי,
ווי זילבערנער אַש, ווי פאַרפרוירענער טוי —
ווי גייט מען אנטקעגן אַ מאי?...

נאָר ס׳גליט אַ הענטל אין מיין האַנט,
דער פייכטער בליק איז מיר באקאנט,
דער אומגעדולד — אין יעדן גליד.
אַ צווייגל בענקט אַזוי נאָך צוויט —
— קום, טאָכטער, אַנטקעגן דעם מאי....

שפּאַנט איבער גאַסן אַ מוטער מיט קינד.
אַ ווינט הינטער זיי און פון פאָרנט אַ ווינט.
און איבער די קעפּ, ווי אַ ים, ווי א סטעפּ,
אַ הימל, און שטראַלן ווי לייטערס, ווי טריעפּ —
זיי שטייגן אַנטקעגן דעם מאי.

— וואָס גלאַנצט דאָרט, מאַמע, אויפן ראַנד?
— דער שענסטער פּאַלאַץ אין מיין לאַנד.
— פאַר וועמען ווערט ער צוגעגרייט?
— מיין קינד, ס׳וועט קלינגען דאָרט דיין פרייד —
מיר גייען אַנטקעגן דעם מאַי.

שפּאַנט איבער גאַסן מוטער מיט קינד.
אַ ווינט הינטער זיי און פון פאָרנט אַ ווינט.
און נאָך אַ צעשויבערטער — צוזאַמען שוין דריי —
אַ ווינטל־צעשווינדל, אַן אָטעם פון מאַי,
אַ הילכיקער אָטעם פון מאַי.

— דאָ וועלן וואַקסן בלומען העל,
— דאָס איז פון נייעם הויז אַ שוועל.
— זע, דאָרטן בויט מען אַ פאַבריק.
— ס׳וועט ווינען דאָ דיין מי און גליק —
— קום, טאָכטער, אַנטקעגן דעם מאַי.

שפּאַנען זיי ביידע דורך פרילינג־פּאַרזיי.
גיי ווייס, ווער ס׳איז יונגער, ווער עלטער פון זיי,
אַז ליכט האָט פאַרגאָסן מיט גינגאָלד די האָר.
זיי טראָגן אין אויגן די מאַיאיקע וואָר —
זיי גייען אַנטקעגן דעם מאַי...

טאַטע־מאַמע

זי שטייט צווישן אייך שטומערהייט און דערשראָקן,
דאָס נעזל באַדעקט מיט א שיטערן שווייס.
וואַרפט אָפּ פונעם שטערן פאַרעקשנטע לאָקן —
זי ווייסט.

דאָס נאַכט־העמדל הייבט זיך גיך־גיך, ווי איר אָטעם —
איר ערשטע צעריסענע, שלאָפלאָזע נאַכט.
ווי רויב־פייגל וואַרפן זיך אָן אויף איר שאָטנס —
זי שטייט צווישן אייערע שאָטנס פאַרמאַכט.

די אויגן — זיי הענגען אויף אייערע מיילער.
ס'אַכטיעריקע האַרץ שטרענגט זיך אָן צו פאַרשטיין.
א חיהלע, גרייט צו א שפּרונג יעדע ווילע,
די טיר צו פאַרשטעלן מיט אייגן געווייִן.

ווער ווייסט, וואָס אין אייערע רייד איז פאַרבאָרגן!
די גרעסטע געפאַר איז פאַר איר איצט — די שוועל.
זי וויל, אַז איר טאַטע זאָל בלייבן. אַז מאָרגן
זאָל ליגן ווי שטענדיק אין שאַנק זיין פאַרטפעל,

אין ווינקל, לעם בעט, זאָלן שטיין זיינע שטעק־שיך,
אַזוי ווי זיי שטייען דאָרט רואיק אַצינד.
און פּונקט, ווען ערב־שלאָף ציטערט און שרעקט זי,
רעדט זי צו זיי, און דער פּחד פאַרשווינדט.

זי וויל, ווי ביז איצטער, אים לויפן אנטקעגן,
ווען ס׳הילכן באַקאַנטע אויפן הויף זיינע טריט.
צו וואָס פאַר א היים און מיט וואָס פאַר א וועגן
וועט ער איצט גיין פון דער ארבעט צוריק?...

זי וויל... און דאָס האַרץ, ווי א גלאָק — קלאַפּט אַלץ העכער.
איין שאָטן רייסט האסטיק זיך אָפּ פון דער וואַנט.

די נאַכט, ווי א קאַץ, קריכט פאַרטייעט פון דעכער
און לעקט מיט רחמנות א קינדערשע האנט. — — —

פירסט, מאַמע, דאָס קינד ביי דעם הענטל...

פירסט, מאַמע, דאָס קינד ביי דעם הענטל —
פארשנעלער אַזוי נישט די טריט.
עס גייט נישט, דאָס קינד, נאָר ס'לויפט מיט
און מיינט, אַז אַזאַ איז די וועלט שוין...

איך ווייס, אפשר ביסטו געווען גאָר
מיט מאַמישן, קלוגן געפיל? —
די לערנסט עס לויפן צום ציל
און לערנסט אַנטלויפן פון שלעכטן.

ניין, שלעפּ נישט דאָס קינד ביי דעם הענטל
אין ריטם פון דיין גיכן געדאנק.
פאַרגין אים זיין קינדערשן גאַנג
דורך העלע, פאַרכישופטע וועלטן...

א קינד האָט פאַרבלאָנדזשעט...

צום אָנדענק פון מיינע דערמאָרדעטע —
פאַניע און צילקע רובין

פון טומל, פון גאַס, פון מיט־טאָגיקן רויש
רייסט זיך אַ קינדערשער יאָמער אַרויס:
מאַמע!

גיט זיך אַ וואַקל די גאַס און אַ וויג.
דער טומל בלייבט שטיין, הייבט זיך אויף, פאַלט צוריק —
מאַמע!

נאָר עמעצער פירט שוין דאָס קינד און פרעגט אויס,
ערגעץ צעפּראַלט זיך אַ טיר פון אַ הויז —
די מאַמע!

שמייכל און שרעק און אַ שטראָף־וואָרט אַ פרומס.
און ס'נעמט מיך דער טומל שוין ווידער אַרום.
נאָר מיין האַרץ —

וואָס ווילסטו, מיין האַרץ? — — — ערגעץ בלאָנדזשעט א קינד,
ערגעץ רופט עס זיין מאַמע, נאָר ס'ענטפערט אַ ווינט
דעם קינד.

נישטאָ שוין די מאַמע — א בלוטיקער פלעק.
באַזונדער דער שמייכל, באַזונדער די שרעק.
באַזונדער.

װער װעט עס נעמען, דאָס קינד, אױף די הענט
און ברענגען דער מאַמען, װאָס איז שױן פֿאַרברענט,
איר קינד?

װאָס קלאַפּסטו, מײן האַרץ, אַזױ װײטיקלעך-גיך? —
איך װעל טראָגן די פּײן אַזױ לאַנג, װי כ׳טראָג דיך,
אַזױ לאַנג.

אומעטום, װי א מערדערשער. שטיװל בלײבט שטײן,
הער איך מײן טעכטערלס װײ, דאָס געװײן
פֿון אַ קינד.

איך װײס נישט פֿון גליק און איך װײס נישט פֿון רו,
עס צאַפּלט אַ װײטיק און שנאה, װי דו,
אין מײן ברוסט.

װאָס װילסטו, מײן האַרץ? װאָס מאָנסטו בײ מיר? —
איך װעל היטן פֿון פֿײער די שװעל פֿון מײן טיר,
איך װעל היטן.

אין מיט-טאָגיקן רויש, אינעם ריח פֿון שװײס
כ׳האָב געפֿונען מײן קראַפֿט, כאָר איך װיל נישט קײן טרײסט —
איך װיל נישט פֿאַרגעסן.

ראָבי און מיכאַל ראָזענבערג

„עפֿן זיי, מאַמע, דו הערסט נישט? — זיי קלאַפּן...״
ס׳איז האַלבנאַכט. לבנה באַזילבערט די קישנס
און קאַפּעט מיט מילך־שיין, מיט אומרו־ליכט קאַפּעט.
„דערקענסט זיי נישט, מאַמע? — ס׳איז ראָבי און מיכאל...״

„עפֿן זיי, מאַמע. זיי שטייען פֿאַרשמאַכטע.
די פּיסלעך אין וווּנדן, צעריסן די קליידער״.
לבנה — אַ קאַלטע, אַ גאַנצע, פֿאַרמאַכטע,
הענגט איבער קינדערשן, הייסן געלעגער.

„עפֿן זיי, מאַמע, זיי קומען פֿון ווייטנס,
זיי קומען פֿון בענקשאַפֿט־לאַנד, זוכן אַ מאַמע...״
בלוי־גרינס פֿון הימל גלאַנצט ריין, אויסגעלייטערט,
און ס׳וויל די לבנה נישט רירן פֿונדאַנען.

„עפֿן זיי, מאַמע. עס יאָגן זיי מערדער,
דו זעסט נישט דאָס פֿייער? הערסט נישט געשרייען?...״
שטראַלן פֿאַרגליווערטע — שאַרפֿן פֿון שווערדן
שפּאַלטן די ערד און דעם הימל אויף צווייען.

„עפֿן זיי, מאַמע, און טוליע צום האַרץ צו.
זאָג צו זיי: מיינע. זאָג צו זיי: ק י נ ד ע ר...״
צוויי שטערן ווי פֿלאַמען, ווי פֿלאַמען רויט־שוואַרצע
פֿאַלן אַראָפּ, טויכן־אויף און פֿאַרשווינדן.

אָ, ווען כ׳זאָל קאָנען דיר זאָגן, ווי געטע:
„בלייב רויק, מיין קינד״ — נאָר דאָס קאָן איך נישט זאָגן,
איך וויל נישט, ס׳זאָל ווערן מיין האַרץ אַ פֿאַרעטער
פֿון דעם, וואָס עס טראָגט — וואָס עס קאָן נישט דערטראָגן.

צום דיכטער נאַזים היקמעט *

איך האָב דערהערט פון טויטן קינד
דאָס שטילע קלאַפּן אין מיין טיר.
פון קינד, וואָס האָט ווי א פּאַפּיר
געברענט אויף הירָאָשימער ווינט.

איך האָב דערהערט און בין ארויס
צום קינד, וואָס איז א הייפל אש.
צו גיין זיין וועג פון גאַס צו גאַס
און מיט זיין רוף — פון הויז צו הויז,

נאָר כ'האָב דאָס קינד שוין נישט דערקענט,
און נישט דערזען דאָס הייפל אש —
א מענטשן-כוואַליע האָט מיין גאַס
פאַרפלייצט מיט טויבן אין די הענט.

זיין צאַרטע שטים כ'האָב נאָר דערהערט
אין צאַרנדיקן מענטשן-רעש:
פון קינדער זאָל נישט ווערן אש,
קיינמאָל קיין הירָאָשימעס מער!

* צו זיין ליד „דאָס טויטע מיידעלע“

איך...

איך בין געלאָפֿן, געיאָגט ווי אַ חיה,
געשטעמפּלט, מיט לאַטעס געפּלעקט,
אין קליידער צעפֿליקטע, געבויגן אין דרייען,
מיט האָר אָפּגעפֿאַרבט אויף קאָלירן פֿון פֿייער,
מיט אויגן צעריסן פֿון שרעק.

מיין שוצלאָזע האַנט האָט געטוליעט צו ברוסטן
דאָס וואַרעמע, פּיצעלע קינד.
איך האָב געשטיקט זיין געוויין און זיין הוסטן.
איך האָב געטראָגן די אָרעמס די פּוסטע,
פֿון ווייטיק משוגע און בלינד.

מיינע זעקס יאָר האָט דער הונגער געפֿרעסן.
איך האָב געבעטלט פֿאַרלייזיקט און קראַנק —
ביסט נישט קיין פֿריינד, אויב דו הייסט מיר פֿאַרגעסן.
מיין האַלדז פֿילט אויף זיך נאָך די שאַרף פֿונעם מעסער,
אין רויך איז פֿאַרהילט נאָך מיין קלייד, מיין געדאַנק.

איך טרעט מיט די פֿיס מיינע אייגענע ביינער —
קיין קבֿר האָט זיי נישט געגעבן קיין רו.
איך בין געבליבן פֿון טויזנטער איינע,
זייער געביין איז געוואָרן פֿאַרשטיינערט
אין מיר, ווי אַ וווּנד, וואָס מאַכט זיך נישט צו.

נעם זיי צוריק, דיינע רואיקע ווערטער.
זיי קענען צו מיר נישט געפינען קיין וועג.
די בריקן צו רו ליגן אַלץ נאָך צעשטערטע —
עס הויבט זיך די ערד נאָך אויף הייליקע ערטער,
איך ברען נאָך אין אויפשטאַנד פון גרויזאַמע טעג.

זיי האָבן די אייגענע הערצער...

טשאַן־טסו־לונג.*
דיין האַרץ איז ווי אַ שטערן.
און שטערן לעשן זיך נישט אויס.
דאָס קלאַפּן פון דיין האַרץ —
זיי וועלן נאָך דערהערן,
ווען ס'וועט אַ בליץ צעשפּאַלטן
די נאַכט איבער זייער הויז.

רי־כיאַן־סו, *
דיין בליק, ווי אַ נצחון,
באַהעלט דעם וועג, וואָס פירט פון לאַנד צו לאַנד.
מערדער האָבן בלוטיק
דיין ליכט אַדורכגעשטאָכן —
מיין האַנט און ליבע זאָלן דיך
פירן ווי אַ האַנט.

* * *

זיי האָבן די אייגענע הערצער
אַרויסגעריסן און פאַרשפּיגן.
זיי האָבן די אייגענע אויגן
אַנטקעגן ליכט פאַררינגלט
און זענען געוואָרן פינצטער
און זענען געוואָרן בלינד.

---

* כינעזישע פרייוויליקע, ביי וועמען די ליסינמאַן־מערדער האָבן אויסגעשניטן דאָס האַרץ און אויסגעשטאָכן די אויגן.

קריצט אויס מיט פלאַם אויף לייבער
אייערע האַקנקרייצן,
שווענקט אין בלוט די פענער
גרויזאַם און געמיין.
ווי שרעק, וועט אייך דעריאָגן,
ווי דינאַמיט — צעררייסן
דער מעכטיקער,
גערעכטער
און שטראָפנדיקער נ יי ן!

* * *

אַקיטשי קובאַיאַמאַ,*
דיינע פיש זענען ראַדיאָ-אַקטיוו...
עס רייסט אַרויס די האָר פון קאָפּ אַ מאַמע —
זי האָט געקויפט אַ פישל פון דיין שיף.
וואָס איז געשען מיט דיר, אַקיטשי קובאָיאַמאַ? —

אַ דונער האָט די רו פון פּאַציפיק פאַרטריבן.
ס'פאַרבלענדט דאָס אויג אַ ליכטיקייט ווי פייער־רויט.
מילד זעצט זיך אויפן וואַסער־פלאַך אַ ווייסער שטויב.
אַקיטשי קובאָיאַמאַ, לויף־אַנטלויף, ס'איז טויט!
ס'איז טויט, אַקיטשי קובאָיאַמאַ.

האָסט זיך געראַנגלט הונדערט אַכציק טעג און נעכט.
געקעמפט און נישט באַקעמפט דעם אורטייל פון ביקיני.
איך האָב דיר, פישער, קיינמאָל נישט געטאָן קיין שלעכטס.
פאַרוואָס זשע קאָן איך מער קיין רו מיר נישט געפינען,
אַקיטשי קוביאָיאַמאַ?

איך וויל, אַז רו זאָל צום פּאַציפיק זיין,
כאָטש זיינע כוואַליעס ברויזן ווייט פון מיינע ברעגן.
איך ווייס נישט, ווי מען זאָגט ביי דיר אין לאַנד אויף פּיין,
נאָר כ'פיל דעם ווייטיק פון דיין לעצטער רגע,
אַקיטשי קובאָיאַמאַ.

* דער קרבן פון די אַטאָם־פּרוּוון אויפן אינדזל ביקיני.

איך וויל, אַז ראַדיאָ־אַקטיוו זאָל זיין מיין וואָרט,
און נישט אויף פישער־שיפלעך זאָל עס פאַלן.
איך וויל, אַז אויסברעכן מיט פייער זאָל עס דאָרט,
ווו ס'ווערן אָנגעשטעקט מיט טויט די וואונדער־שטראַלן.

איך וויל, אַז ראַדיאָ־אַקטיוו זאָל זיין מיין ליד,
צו ווידערשטאַנד זיי זאָלן רופן, מיינע ווערטער,
ביז וואַנען מענטשן־ליבע וועט ווי דינאַמיט
נישט אויפרייסן די נעסטן פון די מערדער.

דער רויטאַרמייער אין מיין שטאָט...

ער קען די גאַסן פון מיין וואַרשע,
ווי זיין געבורטס-שטאָט אין סיביר.
ער האָט דערקענט אין שווערע מאַרשן
איר צאַרטן ריח און קאָליר.

ער האָט איר ריטם דערהערט אין פלאַמען,
איר שפּראַך — דורך קנאַל פון פּולעמיאָט.
זיי האָבן ביידע זיך פאַרשטאַנען —
דער רויטאַרמייער און מיין שטאָט.

ער האָט געזען זי באָרוועס-נאַקעט
אין יעדן ברענענדיקן הויז.
זי האָט אין יעדן פלאַם געפלאַקערט
און שטאָלץ פון פייערן אַרויס.

מיט פריינדשאַפט זעלנערשע, געטרייע,
האָט ער זיך איינגעקוקט אין איר
און זי געזען א פרייע — נייע,
און — האָט געבענקט נאָך זיין סיביר.

ווען ס'האָט געפונען אים א חבר
אויף האַרטע שטיינער פון מיין שטאָט,
האָט ער געפיבערט: „זאַ וואַרשאַווו..."
און האָט געריסן זיך: „ווּפּעריאָד!..."

אויב וועסט דערזען אין אונדזער ווייסל
א כוואליע שוימען רויטערהייט
צווישן כוואליעס בלוי-גרין-ווייסע,
ווען ס׳טאגט, צי ווען די זון פארגייט...

קאן זיין, א וואלקנדל א לויטערס,
אן אנהויב-שטראל, האט זיך געזעצט
אויף כוואליעס שוים מיט פאסמעס רויטע
און האט אויף רויט זיי אויסגעפלעקט —

איך זע דא בלוט פון רויטארמייער
(עס מישט מיט אונדזער בלוט זיך אויס),
איך הער דא ווייטע אויסגעשרייען:
„זא ווארשא... ווּפיעריאד, פארויס!”

ביים דענקמאָל פון דאַנקבאַרקייט

(פראַגמענט)

אין װאַרשע, אויף פּראַגע, באַװאָפנטע שטייען
אין שטיין אָנגעטאָנענע דריי רויטאַרמייער.

אויף פּנימער גבורה און מי אויסגעקריצטע.
עס גלעטן זיי פּוילישע רעגנס און היצן.

נאָר װאָך איז דאָס אויג. דער גראַנאַט — אויפגעהויבן.
עס קלינגט נאָך אין לופטן אַן אָפּהילך אַ טויבער.

זיי זענען געפאַלן אויף גאַסן פון װאַרשע,
און מיר האָבן זייער נצחון געירשנט.

װי טוי האָט דאָס בלוט איבער װאַרשע געדעגנט.
און לעצטע געשרייען אויף פּוילישע װעגן,

װי פייגל דערשאָסענע, האָבן גענידערט,
צו אויפגיין און שװעבן אין פּוילישע לידער.

זיי זענען געפאַלן, אַז מיר זאָלן קאָנען
צעהענגען די פרייד פון די װייס־רויטע פאָנען.

אויף רושטאָװאַניעס, אין דאָרפישע געסלעך.
נאָר קנעכט קאָנען טויטן אַזעלכע פאַרגעסן.

כ׳ליג צו ווי אן אויער מיין הארץ צו דער ערד צו —
כ׳הער מאמישע טרערן אין רוסישע ווערטער.

כ׳זע אומרו אין קינדערשע אויגן פארטייעט.
כ׳הער פשוטע ווערטער: פאר פוילנס באפרייונג.

איך גראָב מיט די נעגל אין הייליקע אשן
און קוש די פארבלוטיקטע, גרויע רובאשקע.

א באַגעגעניש מיט יען סו־מין

איך האָב אים באַגעגנט נישט ווייט פון מיין הויף,
עס האָט אים פאַרהאַלטן מיין בליק.
ער האָט מיר אויסגעשטרעקט א ווייסע טויב,
איך האָב אים געענטפערט: מיט גליק!

דערנאָך איז ער צו אונדז אין שטוב געקומען.
קיינער פון אונדז האָט נישט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך.
— חבר! — האָט אים מיין מאַן אַרומגענומען.
— זון! — האָט מיין טאַטע צו אים געלאַכט.

איך האָב אים צוגעפירט צום קינדס געלעגער.
ער האָט איר קעפּל צאַרט געגלעט.
זיין שלום-טויב האָט מילד באַקוקט אונדז ביידן.
כ׳האָב אים געשענקט מיין קינדס פּאָרטרעט...

פריינד איז אויפגעגאַנגען אין מיין יעדן גליד —
אַ ברודער איז געוואָרן מיר דער פרעמדער.
ער האָט מיר הייס דיקטירט מיין ליד,
און ס׳איז זיין שפּראַך געווען מיר פאַרשטענדלעך...

* * *

...כ׳האָב לאַנג זיך איינגעקוקט אין פינצטערניש פון נאַכט
מיט אויפגעריסענע און שטרענגע אויגן.
אַנטקעגן שאָטנס פון געפאַרן וואַך,
מיט מוט און שטאָלץ, מיט הייסן גלויבן.

א ליד

בינעם העלער

ער האָט געליינט שטיל זיין ליד,
פארטרוימט א ביסל און פארביסן.
זיין שטים האָט צו דעם וואָרט זיך צוגעשמידט,
דאָס וואָרט האָט ווי א שטורעם מיטגעריסן.
אין צימער איז געוואָרן ענג ווי אין א תפיסה. — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

די מארסעליעזע איז צוזרשט געווען א ליד.

מיין בלומען־באַריקאַדע

איך וויל מיר איינשאַפן א טישעלע אויף בלומען
און עס אַוועקשטעלן אין ווינקל, לעם מיין פענצטער.
איך וויל, אַז צו דעם פרילינג, וואָס וועט קומען,
זאָל זיין מיין צימער אינעם הויז, ווו כ'וווין — דאָס שענסטע.

פאַרוואָס זשע צאַפּלט אויף אזוי מיין הארץ פון ווייטיק?
ווער וואַרפט שוין ווידער אָן זיין דראָענדיקן שאָטן
אויף מיינע יונגע, מאָרגנדיקע קוויטן
און וויל זיי אָפּצוימען פון מיר מיט שטעכעדיקע דראָטן? —

קום באלד, קום שוין דאָס טישעלע צו קויפן.
און ברענג פון אומעטום מיר בלומען פאר מיין פענצטער.
כ'וועל פון מיין היים שוין קיינמאָל מער נישט לויפן,
ס'וועט זיין מיין צימער אינעם הויז, ווו כ'וווין — דאָס שענסטע.

ס'וועט זיין גענוג אַ פאָרהענגל אַ זיידנס
צום אָפּהיטן מיין רו פון נאַכטיקע געשפענסטער.
און בליען וועט מיט פרייד מיין בלומען־באריקאדע
אין ווינקל, אויפן טישעלע, לעם פענצטער.

מיין היים

דו ווילסט ווייסן,
וואָס איך היט אַזוי דעם שליסל
פון מיין טיר?

איך האָב מורא.
כ'האָב אַזויפיל שוין פאַרלוירן
און כ'פאַרליר.

דו זאָלסט ווייסן,
וואָס ער עפנט מיר, דער שליסל
פון מיין טיר.

דו זאָלסט ווייסן,
וואָס ער שליסט מיר אָפּ, דער שליסל
פון מיין טיר.

אָ, זאָלסט ווייסן,
ווי איך האָב געטרוימט פאַרביסן
אין געהיים,

אַז אַ שליסל
זאָל אַמאָל מיין שלאָף פאַרשליסן
אין אַ היים.

דו זאָלסט ווייסן,
ווי די נאַכט האָט זיך געריסן
איבער מיר,

ווען אויף ראָגן
האָבן שאָטנס מיך געטראָגן
אָן אַ שליסל צו אַ טיר.

אָ, זאָלסט וויסן,
ווי איך האָב אַרויסגעריסן
פֿונעם בראַנד

אָט דעם שליסל.
וויפֿל ס'האָט געמוזט פֿאַרגיסן
בלוט מײַן לאַנד.

א שפּאַציר אין א האַרבסט־נאַכט

ס׳וואַרפט דער ווינט צו די פיס אומגעלומפּערטע בלעטער.
שאָטנס פון צווייגן — ווי לאַנגע, פאַרבראַכענע הענט.
כ׳שטעל אונטער מיין שטערן דעם ווינט און ער גלעט אים.
איך האָב דיינע טריט פונדערווייטנס דערקענט.

דו גייסט מיר, ווי שטענדיק, פון יאָרן, אַנטקעגן.
האָסט היינט זיך פאַרשפּעטיקט. איך פרעג נישט פאַרוואָס.
אויך איך האָב פאַרזאַמט זיך. דו האַלטסט אין איין פרעגן.
דער הימל קלינגט לויטער צו אונדז, ווי פון גלאָז.

מיר זענען נישט איינמאָל אין האַרבסט־נעכט געגאַנגען.
צוזאַמען, נאָר דו הינטער מיר א פּאָר טריט.
די שאָטנס, ווי איצטער — צעצווייגענע, לאַנגע,
דאָס שטיקל לבֿנה — א „שפּיק״ אינדערמיט.

איך שמייכל צו דיר און דו האַלטסט אין איין פרעגן.
אין אָוונט פרעגט אנדערש זיך אַלץ ווי בייטאָג.
כ׳וועל וואַרפן זיך לאַנג אויפן שפּעטן געלעגער
און זוכן דאָס וואָרט, וואָס איך האָב נישט דערזאָגט.

מיר האָבן פון לאַנג אונדזער הויף שוין געמיטן.
ווי א הונט צו די פיס, לייגט זיך פלאַטשיק דער ווינט.

אַ פֿענצטער ווינקט העל פֿון אַ שטאָק פֿון אַ דריטן—
דאָרט אָטעמט געלאַסן אין שלאָף אונדזער קינד.

ווי גוט ס'איז מיט דיר אין דער האַרבסט־נאַכט צו שפּאַנען,
צו טרוימען מיט אומרו פֿון דעם, וואָס ס'קומט אָן.
און שפּאַסן און גלייבן, אַז ס'הענגט אויף מאָראַנאָרן
די זעלבע, אין האַרבסט־נאַכט צעהאָנגענע פֿאָן.

אײנזאַמקײט

כ׳האָב ליב אַלײן אין שטוב צו בלײַבן,
װײַל ס׳קלינגען מיט עכאָס די װענט.
כ׳האָב אײנזאַם בלומען ליב צו קלײַבן,
װען כ׳װײס, אַז אויף זײ װאַרטן הענט.

כ׳האָב ליב אין אַן אײנזאַמען אָװנט
צו הערן די פֿײַכטקײט פֿון װאַלד,
װײַל כ׳װײס, אַז נישט װײַט, ערגעץ נאָענט,
אַ מענטש אויף מײַן אײנזאַמקײט װאַרט.

װען כ׳װער פֿון דיר, ליבער, אַנטרונען,
שטערענג נישט אַן אין פּוסטקײט דײַן בליק.
כ׳גײ אַװעק, װײַל איך װיל דיך געפֿינען
נאָכאַמאָל מיט מײַן קומען צוריק.

ס'האָט פאַרפּלאָנטערט זיך אין מיינע האָר א כריזאַנטעמע...

ס'האָט פאַרפּלאָנטערט זיך אין מיינע האָר א כריזאַנטעמע.
אין גלי פון זומער — אַ האַרבסטיקע בלום.
אָ, פרוז זי נישט פון מיינע האָר אַראָפּצונעמען.
זי וועט שוין ביזן סוף מיר נאָכגיין. אומעטום.

זאָגסט טרויער? — ניין. איך וויל די האַרבסט-בלום בלויז פאַרהיטן.
איך וויל... איך מוז אונדז ביידן זאָגן בלויז,
אַז ביז דאָס האַרץ קלאַפּט מיטן לעבן אין איין ריטעם,
וועט זי אין מיינע האָר נאָך בריענען, ווי א רויז.

און אויב דו כאַפּסט אַמאָל מיין בליק זיך יאָגן,
מיט אומרו נאָכקוקן א יונגער פּאָר,
איז עס דערפאַר, ווייל כ'וויל זיי איבערזאָגן,
ווי יונג צו זיין, ווי יונג צו זיין ביז גרויע האָר...

דו זאָגסט...

דו זאָגסט: „דיין האַנט איז ווייך און צאַרט".
און פרעגסט דערשטוינט, פאַרוואָס איך שמייכל,
אָ, ליבער, כ'האָב דיך אָפּגענאַרט —
מיין האַנט איז ווי אַ האַנט. נישט ווייכער.

ס'איז שולדיק די לבנה־שיין
(אַזויפיל מאָל דורך מיר באַזונגען).
די פאַלט אין אונדזער שטוב אריין
און רינט אַראָפּ אויף מיינע פינגער.

דערפאַר האָט זיך דיר אויסגעדאכט.
איך וויל, מיין פריינד, דו זאָלסט פאַרשטיין מיך.
האָסט מיינע הענט געזען אין שלאַכט
און האָסט געזען מיין האַרץ פאַרשטיינערט.

מיין האַנט איז צאַרט אין דיינע הענט,
אויף אונדזער טאָכטערס גלאַטן שטערן.
נאָר ווען עס האָט אַרום געברענט,
האָט זי, מיין האַנט, געקאָנט זיך ווערן

און איינהאַלטן די פאָן געטריי.
מיר גייען, טייערער, צוזאַמען.
דער וועג צו גליק איז שווער און ניי.
נאָר ס'וועט אים בייקומען די מאַמע,

וואָס טראָגט דעם אָטעם פון איר קינד
אין אייגן בלוט מיט שרעק און גלויבן.
אָ, זע, לבנה־שיין צערינט,
אַ געלער פלעק בלייבט נאָר פון אויבן

און מאָלט אויף בראָנז מיין האַנט... איך הער
דאָס קלאַפּן פון דיין האַרץ — ס'איז פלאַמיק.
מיר גייען, טייערער, צוזאַמען
און ס'איז מיין צאַרטקייט מיר נישט שווער.

איך ווינטש דיר, טייערער, צום נייעם יאָר...

איך ווינטש דיר, טייערער, צום נייעם יאָר,
אַז אונדזער הימל זאָל זיך בלויען קלאָר,
בלויז וואָלקנס זאָלן זיך פון צייט צו צייט
ארײַנשנײַדן אין זיין גרין־גרויער ווייט,
אַז ס'זאָלן קרייזן כמאַ'יעס פייגל בלויז
איבער דער שול, אַנטקעגן אונדזער הויז,
מיט פליגל אייַנגעטונקענע אין זון־פאַרגאַנג.

איך ווינטש דיר, טייערער, צום נייעם יאָר.
דיין יעדער טראָט געדעכט זאָל זיין און קלאָר
פאַר דיר, פאַר מיר און פאַר חברים פרייַנד.
אַז גרייט זאָל זיין דאָס הארץ און שטאַרק די האַנט
ביים אויפהייבן צו ליכט אַ נייעם שמאָק,
צום אָפהיטן פון פייער אונדזער טאָג,
צום איינהיטן פון פלאַמען מיין געזאַנג.

איך ווינטש דיר, טייערער, צום נייעם יאָר,
אַז נישט די פאַסמע גרוי־געפארבטע האָר
זאָל זיין די מאָס פון לויפנדיקער צייט.
מיר זאָלן יונגער זיין מיט יעדער זיג אין שטרייט,
מיט יעדן פרילינג נייעם אויף דער ערד.
איך ווינטש דיר, טייערער, אַז ס'זאָל אונדז זיין באַשערט
דאָס גרעסטע גליק — נישט אָפּצושטיין אין גאַנג.

* * *

ס׳איז ליגן, זאָגט איר, אַלץ, וואָס ס׳איז ביז איצט געווען.
און אויב ס׳איז יאָ געווען, איז דאָס שוין מער נישטאָ.
די בלום האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נישטיק גריזל,
וואָס יאָרן האָבן נישט געקאָנט — באַווייזן האָט איין שעה.

איך ווייס, איך ווייס: אַיעדע בלום איר ווינט קאָן האָבן.
איר בייזן ווינט, וואָס וועט זי ברעכן אָן אַ מאָס.
ער קאָן זיך ביז די וואָרצלען טיף אַרונטערגראָבן,
ער קאָן נאָר נישט פאַרוואַנדלען די צעבראָכענע — אין גראָז.

וואָס איז ווערט דער מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין טרייהייט?
און אַ געפיל — וואָס לאָזט נאָך זיך אַ ליידיק אָרט?
איר זענט אַדורך מיט איר דעם שווערסטן פרווו פון פייער —
מיט וואָס איז אָנגעגליט געוואָרן אייער האַרץ און אייער וואָרט?

איר קומט אָן אויסגעהוילענער, אַ פוסטער צו אַ צווייטער.
וואָס לאָזט איר איבער הינטער זיך, פון פאַלשע פלאַמען בלינד?
ווידער, ווידער בלומען? — ברענגט פון שטיינער קווייטן,
ווייל אין דער צווייטער האַנט איר טראָגט געווים דעם בייזן ווינט.

ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין אַ נאַכטיקער שעה

כ'פֿאַרטרייב די שאָטנס פֿון מיין שטיבל
אינייניעם מיטן ליכט.
איך בין מיט זיך אַליין געבליבן.

באַווייז זיך מיר,
אַנטפּלעק מיר דיין געזיכט.
באַווייז דיין אַנגעשטאַלטיקע געשטאַלט,
וואָס פֿאַלט, וואַקסט אָן, וואָס שטייגט
און שטראַלט.

ווער ביסטו, אינעם רוימיקן געשווינדל —
אַ טויזנטאויגיקער העלזעער?
אַ דיריגענט אַ בלינדער? —

כ'פֿאַרטרייב די שאָטנס פֿון מיין שטיבל
אינייניעם מיט דער שיין.
איך בין מיט זיך אליין געבליבן
און כ'וועל אַליין דער כישוף־מאַכער זיין.

איין שפּאַן טיילט אָפּ פֿון וווּנדער־קעסטל.
דעם שפּאַן וועט בייקומען מיין האַנט
און עפֿענען די ליכט־פֿאַרמעסטונג
מיט דיסהאַרמאָניע פֿון אונטערגאַנג.

כ'הער, ווי קלאַנגען זיך באַוועגן, שטייגן
פֿון נידעריק צו הייך, פֿון קנאָספּן — ביז צעבלי.

ס'איז ערב אויסגעזאנג דאָס שווייגן,
ס'איז ערב איבערגאַנג פון וואָרט צו מעלאָדי.

זאָל אויסטאָן זיך דאָס וואָרט פון זיין באַלייבונג
און איבערטרעטן גרענעצן פון קלאַנג,
אַז בלויז נ ג י נ ה זאָל פאַרבלייבן,
פון ענדערונגען דאָס געזאַנג.

ס'פאַרטרייבט די שאָטנס פון מיין שטיבל
פרימאָרגן־שיין.
איך בין מיט זיך אַליין געבליבן,
נאָר כ'קאָן שוין מער מיט זיך אַליין נישט זיין.

אויף יוליאַן טווימס טויט

ער איז געגאַנגען צו אונדז דורך שיין און הורכן געוויטער
און איז דערגאַנגען.
און איך האָב איבער זיינע לידער-טריט געציטערט —
ער זאָל דערלאַנגען.

איך ווייס,
אַז איידער ער האָט אונדזער פּאָן באַרירט
מיט וואָרט מיט צאַרטס,
ווען רייף געוואָרן שטורעם איז אין רו,
האָט ער באַגאָסן זי מיט בלוט פון האַרץ,
אין וואַכע נעכט געשעפּטשעט: דו...

* * *

מיין טעכטערל שניידט אויס דאָס בילד פון שוואַרצן רעמל.
זי קוקט מיך אָן פאַרטראַכט, נישט זיכער
און ציט אין אָנשטרענגונג צונויף די ברעמען:
„— וואָס הייסט — נישטאָ? איך האָב דאָך זיינע ביכער..."

גערעכט, מיין קינד. אַזוי אַוועקגיין הייסט צוריקקום.
אַזוי אַוועקגיין הייסט דאָך אייביק זיין.
פאַראַן איין גליק — ניין, טויזנט, טויזנט גליקן.
דאָס גרעסטע איז — נישט אויפהערן צו זיין.

ס'איז נישט אַלצײנס, װער ס'גײט דעם לעצטן װעג באַגלײטן.
ס'איז נישט אַלצײנס, װער ס'האַלט בײם אָרון װאַך,
און װעמענס הענט עס שיטן לעצטע קװײטן,
און װער ס'װעט עפֿענען דאָס בוך, װאָס טויט האָט צוגעמאַכט.

ב'װיל זאָגן: פֿרײד.
װי זאָגט מען פֿרײד בײם קבֿר פֿון אַ דיכטער,
װען בענקשאַפֿט נאָך זײַן ניגון שטיקט?
...ער בײגט זיך איבער מײַנע שורות אָן
און זאָגט אָנטשלאָסן: ריכטיק.
װען כ'קאָן נאָך אָנשרײַבן אַ י ן װאָרט,
ב'װאָלט אָנגעשריבן: ג ל י ק.

אויף דער גרענעץ־וואַך

ווייס אַרום און שטיל און נאַכט.
נאַכט אַרום און שטילער שניי.
אין די ווייטקייטן — פאַרדאַכט,
אין די שטילקייטן — געשריי.

ווייס אַרום און שטיל און נאַכט.
וואַלד אַרום און אײַנגלאַנד —
חבר אויף דער גרענעץ־וואַך,
ס׳איז דײַן פּנים מיר באַקאַנט.

ווייס אַרום און ים פאַרוים.
ווײַסער ברעג. די כוואַליעס — שוואַרץ.
טיפע נאַכט. דער ים איז גרויס —
כ׳הער דאָס קלאַפּן פון דײַן האַרץ.

לעם אַ בוים — אַ גרויער שטאַם.
אויפן שניי — אַ ווײַסער פלעק.
פאַר דער ווײַט — אַ פעלז ביים ים.
פאַרן שונא ביסטו — שרעק.

שטיל און נאַכט פון ראַנד ביז ראַנד.
יעדער אומוועג איז אַ וועג.
ס׳איז דײַן פּנים מיר באַקאַנט,
ס׳איז דײַן יוגנט מײַן פאַרמעג.

שטיל אַרום. די נאַכט געדיכט.
ס׳שרייט פון שלאָף אַ מעווע אויס.
עמעצער אַנטלויפט פון ליכט —
ס׳פאַלט זיין שאָטן אויף מיין הויז.

ס׳פאַלט זיין שאָטן אויף מיין מי,
אויף מיין קליינערם ערשטן שפּאַן.
נישט צו שפּעט און נישט צו פרי
וועט אים אָפּשטעלן דיין האַנט.

* * *

נאַכט ארום און אומרו־רו.
ערגעץ בלויען אויגן וואַך,
ערגעץ ווייסט אַ האַרץ, אַז דו
שטייסט אינמיטן פון דער נאַכט

אויג־אויף־אויג מיט טויט־געפאַר,
נאָר דאָס האַרץ — עס בלייבט נישט שטיין;
און דיר דאכט זיך אוים דערפאַר,
אַז דו שטייסט דאָ נישט אליין,

אַז דו הערסט דאָ אירע טריט
אויפן ברעג פון אייגנלאנד,
אַז דו שטייסט דאָ אינדערמיט
צווישן איר און צווישן פיינט.

נאַכט אַרום — ווי אויגן טיף.
שניי־ווייס — ווי אַ שטערן ריין.
שעם זיך נישט, שרייב אָן אין בריוו:
„דו און אייגנלאַנד — איז איינס״.

* * *

געווידמעט דער צוייטער כירורגן־אָפּטיילונג
פון פוילישן רויטן קרייץ אין קאָרייע

פעלדער רייז און גאַאָליאַן —
נישט ענליך צו מיין ווייץ און קאָרן.
אַ טאָכטער פון מיין פאָלק
קניט לעם אַ קראַנקן מאַן,
וואָס איז אין קאָזשעדאָ געפאַנגען
און נישט באַזיגט געוואָרן.

אַ הייזל צוגעקלעפּט צו פעלז,
באַהאַלטן ווי אַ נעסט פאַר שפּאַרבער.
אַ האַרץ, ווי זון צעגליט,
שטיל און שטרענג באַפעלט:
„אָן מוסי זשיטשו!" און ס'הייסט:
ער וועט נישט שטאַרבן.

פּאַק־סען־כו — דו שרייבסט
(פעלד־פּאָסט נומער 63 — 16):
„מוטער פוילישע,
אַדאַנק דיין זון איך האַלט
מיין וואָפן ווידער פעסט —
איך וועל דאָס נישט פאַרגעסן..."

פעלדער רייז און גאַאָליאַן,
אַ גרוס פון מיינע פרייע פעלדער.
זאָל נישט פאַרפעלן אייך
קיין וואַסער, נישט קיין שייך,
און רו זאָל זיין צום פאָלק,
און רום צו זיינע העלדן.

אַ וועכטער

איך גיי דורך פֿאַרטאָגיקע גאַסן.
פֿרי. נאָך אַ ביסעלע נעכטן.
גראָז איז טויאיק און נאַסלעך.
ווייסט נישט? — יאָ, יאָ, כ'בין אַ וועכטער.

ס'קלינגען צוּפֿ טריט איבער גאַסן.
מיין אויג קוקט זיך איין אין ארום.
ס'האָט אַ האנט דאָרט געקאָנט אַ פֿאַרהאַסטע
אַ שפּריץ טאָן מיט סם אויף אַ בלום...

הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר פֿאַרטרויען:
ס'איז אַ ליבע, וואָס האָט נישט קיין ענד.
איך וואָלט ניצעוויען וואָלקנס אויף בלויען,
איך וואָלט שטויב דאָ געשאַרט מיט די הענט.

שטעל זיך מיט מיר אויף דער וואַך דאָ,
ווו עס קרייצט זיך אַ וועג מיט אַ וועג.

כ'גיב דיר, פֿאָטערלאַנד מיינס, יעדע טראַכטונג,
יעדן אָטעם פֿון מיינע טעג.

22 יולי

די לופט איז פול מיט פאָן געפלאַטער.
די גאַס צעכוואַליעוועט און גרויס.
ווי הייסע לאַווע דורך אַ קראַטער,
גיסט זיך דורך גאַס אויף פלעצער אויס
אַ מענטשן־שטראָם אין רייען ענגע.
עס ציען, ציען זיך שערענגעס
און בונטע לאַזונגען ווי סטענגעס
צעבליען זיך אינמיטן גאַנג.
אַז ס׳קאָן דער עכאָ קוים דערברענגען
די פרייד אין אָפהילך פון געזאַנג.

דער יום־טוב איז באַצאָלט מיט שלאַכטן.
זיין פאָן — אין פייער דורכגעברענט.
עס טראָגט אַ קלאַס אַן אויפגעוואַכטער
דעם גורל פון זיין פאָלק אין הענט,
וואָס ווייסן נישט פון רויב און שחיטות,
אין שטרייטן בלוטיקע געניטע
און אויסגעפּרוווטע אין געוויטער,
אין קאַמף אויף לעבן און אויף טויט.
זיי וועלן אונדזער היים פאַרהיטן,
אַז רו זאָל זיין צו אונדזער ברויט.

שטרענג אָן דיין ווילן אין געראנגל.
מיט פולן אָטעם לעב און שאַף.
אַז ס'זאָל דאָס אויג, וואָס וויל דערלאַנגען
צו אונדזער ליכט, דערזען די קראַפט,
וואָס דראָט נישט מיט איר שטייגן קיינעם.
צוזאַמען, פריינד, אין גאַנג איינייגעם
צו פרייד און גליק פֿאַר אַלע היימען,
פֿאַר אַלע היימען אויף דער ערד.
נישט אָפּטרעטן דעם טויט מער קיינמאָל.
וואָס נאָר צום לעבן עס געהערט.

א ליד וועגן א יונגן בלעכער

שטייט א יונגער בלעכער אויף א פינפטן שטאָק,
קלינגט זיין הויכע שטימע לויטער ווי א גלאָק.
קוק איך פון מיין פענצטער, ווי ער לייגט דעם דאַך –
ווייס איך דען צו וועמען און פון וואָס ער לאַכט?
ווייס איך דען פאר וועמען האָט ער זיך צעטאַנצט?
פינקט אנטקעגנאיבער הענגט די זון אין גלאַנץ.
שטרעקט ער אויס זיין אָרעם צו דעם הימל־פלאַך –
אפשר איז צו נאָענט פון דער ערד זיין דאַך?
אפשר וויל ער העכער פונעם העכסטן הויז,
און ער טאַנצט זיין גבורה, די באפרייטע, אויס?

נעם מיך ,יונגער בלעכער, מיט אין דיין געיעג.
לערן מיך צו שפּאַנען איבער הויכע טעג,
אויסצומיידן תהומען, לאכן פון געפאַר.
פרעג נישט, וואָס איך קאָן דיך אויסלערנען דערפאַר.
כ׳וועל דערפאַר דיר שענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג:
ס׳ליד מיינס פון א בלעכער אויף א פינפטן שטאָק,
פון א יונגן בלעכער, וועלכער האָט צו שיין
אויסגעשטרעקט זיין אָרעם און געזאָגט: ס׳איז מיין!
נעם מיך, יונגער בלעכער, מיט אין דיין געיעג.
וואָס איך וויל דיר געבן, איז מיין גאַנץ פאַרמעג.

יענעמס פֿרייד

פּאַרזיכטיק טראָגט ער דאָס פּעקעלע,
פֿייערלעך־שטייף, דעליקאַט,
און טריט שטעלט ער פּאַרזיכטיק,
שרעקעוודיק,
אַליין — אַ ברייטפּלייציקער יאַט.

יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט זע איך אים,
ווי ער שפּאַנט אַהין און צוריק.
יעדן טאָג שפּאַצירן אינצווייען זיי
ער און זיין פּעקעלע גליק.

און ס'איז טייער געוואָרן דאָס פּאָרל מיר,
כאָטש איך רוף אין געדאַנק אים אָן „בער",
ווען ער שטרענגט אַזוי קאָמיש די אָרעמס אָן,
ווען ער שטעלט זיינע טריט אַזוי שווער.

איך האָב היינט ווידער באַגעגנט זיי
ווען זיי זענען געגאַנגען פֿאַרביי.
דאָס קינד אין אַ נייאינקן וועגעלע,
און ס'דאַכט זיך — זיין פּנים אויך ניי.

פֿרייד קומט, ווען דו גיסט נאָר אַ ווינק צו איר,
זי איז שטענדיק דאָ אונטער דער האַנט.

איז וואָס, אַז איך קאָן נישט דאָס קינדעלע,
אַז דער טאַטע איז מיר נישט באַקאַנט? —

אַ האַנט־דרוק

אַ וואַרעמער האַנט־דרוק — און כ׳בין נישט אַליין.
זאָל זיין אַ באַגריסונג אָן ווערטער,
זאָל זיין נישט דערזאָגט, נישט דערשמייכלט זיין מיין,
אַזאַ, אָדער פּונקט אַ פאַרקערטער.

אָן ערב פאַרבינדונג פון מענטש מיט זיין גליק,
באַשיידענער, שטילער באַגלייטער.
אין שטורעם־געריס — אַ פאַרוואָרפענע בריק,
אויב זי ווערט נישט פאַרוואַנדלט אין קייטן.

זאָל זיין, אַז דער האַנט־דרוק צעשיידונג באַדייט,
געזעגענונג שלעכטע, אויף יאָרן.
נאָר ס׳וועט אים מיט שטויב נישט פאַרוויען די צייט
ווען דאָס האַרץ פאַרבייט דעם זכרון.

אין צוג

ווי לייכט דער ים־ברעג צוימט די בלייענע קאסקאדע —
דעם אויג איז שווער צום איינהאלטן איין טרער.

איר זיצט אנטקעגנאיבער פרעמד און מיינט אוודאי,
אז איך, א פרעמדע, זע נישט: אייך איז שווער.

איר רייכט נישט אפ דעם בליק פון לויפנדיקע ווייטן.
איך ווייס געניי: איר זעט נאר איינס — אין זיך.
דארט גייט א שניידנדיקער ווייטיק אויף און צייטיקט
און שלאגט זיך אפ אין שטרענגקייט פון געזיכט.

איך ווייס נישט, צי די שנעלקייט פונ׳ם צוג דערוויטערט,
צי טראגט אייך אומפארמיידלעך צו דעם ברעג.
צי לעשט זיך שוין, צי עס צעברענט זיך ערשט דער שייטער —
נאר כ׳וויל אייך זאגן, פרעמדע, אויב מען מעג,

וואס איז נישט איינמאל אויסגעקומען מיר צו זאגן,
ווען פיין האט ווי א הונט געוואיעט אין מיין ברוסט.
ווער ס׳קאן קיין גרויסן ווייטיק נישט דערטראגן,
דער האט פון קליינער ליבע בלויז געוווסט.

צו מיין פּאַרטיי־לעגיטימאַציע

14 ־ 36 ־ 18 איז דיין נומער —
די ערשטע און די לעצטע ביסטו דאָך פאַר מיר.
איך האָב דיך לאַנג, שוין זייער לאַנג באַקומען,
נאָר נישט מיט טינט געשריבענע, אָן נומער, אָן פּאַפּיר.

איך האָב דיך אָפּגעהיט, ווען פלאַמענדיקע קנוילן
האָבן מיינע האָר צעווייעט און צעפּליקט.
דו ביסט געווען די העלע וויזע פון מיין פוילן,
דו ביסט געווען פאַר מיר מיין אייגן גליק.

ווען כ׳האָב פאַרלוירן אַלץ, וואָס ס׳קאָן אַ מענטש פאַרלירן,
ווען כ׳האָב געברענט אין שוואַרצן קרייז פון דריי מיליאָן,
האָט מיך דערטראָגן דיין רוף, מיין חבר און מיין פירער,
אין שטאָלצן פלאַטער פון דער רויטער פאָן.

מיין ביכעלע, מיין נומער 14 ־ 36 ־ 18,
מיר זענען ביידע פריי. נאָר כ׳ציטער איבער דיר,
ווי כ׳האָב געציטערט אין די טעג פון גרויסע שלאַכטן,
ווען דו האָסט נישט לעגאַל געלעבט אין מיר.

ביסט דאָס געוויסן פון מיין יעדן טראָט אין לעבן,
דער שטרענגסטער שופט פון מיין יעדער טאַט.

איך װיל אויף רושטשאָװאַניעס פֿון מיין לאַנד צעקלעבן
דיין ליכטיק װאָרט, װי כ׳האָב אמאָל צעהאַנגען א פּלאַקאַט.

איך װיל דיין ליכטיק װאָרט אויף רושטשאָװאַניעס נייע
זאָל אָפּהילכן אין אַלע עקן פֿון דער ערד.
און שטאַרקן די, װאָס צאָלן נאָך מיט בלוט פֿאַר פֿרייהייט,
און קלינגען האַרט, װו דו ביסט נאָך פֿאַרװערט.

פון א געשפּרעך מיט א חבר

ס'איז נישט לייכט דורכן לעבן צו גיין מיט געהויבענעם קאָפּ.
צו לאַנג איז געווען דער נאַקן געבויגן אַראָפּ.
עס טרעפט נאָך, עס טרעפט, אַז אַ פּלאַמיקער, דרייסטער געדאַנק
ווערט פאַרשריגן מיט שפּאָט און געטראָטן מיט פיס, ווי א שלאַנג,
אַז אַ מענטש צו אַ מענטש איז אַ וואָלף. נאָך פאַראַן אַזאַ האַרץ,
וואָס איז שטום, ווי א שטייענדיק וואַסער פאַרשליימט און פאַרשוואַרצט.
נאָך פאַראַן אַזאַ אויג, וואָס אין פינצטערניש בלויז עס דערזעט.
עס טרעפט, אַז אַ האַנט פון א חבר שטרעקט אויס זיך צו שפּעט.
נאָך פאַראַן אַזאַ מויל, וואָס טוט אָן טויזנט שמייכלען אויף זיך,
אָנשטאָט האַסטיק א שפּיי טאָן אין עמעצנס גלאַנציקן בליק.
נאָך פאַראַן, נאָך פאַראַן אַזאַ גלייכגילטיק, קילעכדיק וואָרט,
וואָס קלינגט ליטיש און פרום און — טויט אָפּ יעדן טרוים אויפן אָרט.
נישט געוואָנדן צו קיינעם און, דאַכט זיך, אין קיינעם געצילט.
יאָ, איך ווייס. כ'האָב נישט איינמאָל אויף אייגענער הויט דאָס געפילט.

ס'איז נישט לייכט דורכן לעבן צו גיין מיט געהויבענעם קאָפּ.
צו לאַנג איז געווען דער נאַקן געבויגן אַראָפּ.
צו לאַנג האָבן לונגען געאָטעמט מיט ליגן און שלעכטס.
אין א ווינקל פאַרשטעקט לעבט ער אַלץ נאָך, דער נעכטיקער קנעכט.
און ס'איז לייכטער דער שטרייט מיטן פיינט, ווי מיט אייגענער הויט,
ווען עס לויערט א גרעסער געפאַר אויף דיין לעבן, ווי טויט.

ס'איז נישט לייכט דורכן לעבן צו גיין מיט געהויבענעם קאָפּ,
ווער עס קאָן נישט דערטראָגן דעם קאַמף ביזן סוף, דער פאַלט אָפּ.
אָן געזואַגטקייט און טאַט, אָן א גלויבן, וואָס פלאַקערט, איז שווער.
ביסט אָן דעם, ווי א זעלנער אין ברען פון א שלאַכט אָן געווער.

רייס מיט עקל אַרויס פונעם האַרץ דעם פאַרשאָלטענעם קנעכט.
און רוף אויס אויף א קול: דאָס איז שלעכט, אויב דו זעסט, אז ס'איז שלעכט.
אָן דער שרעק, אַז ס'וועט וועמען צעשטערן די רו דיין געשריי.
ביסט אליין? — נישט אַליין. אין דעם קאַמף איז מיט דיר די פאַרטיי.

פאַר פרייהייט

(פראַגמענטן פון א ביאָגראַפיע)
געווידמעט ר. ווינישעווסקא

1

„דאָס וועט זיין אונדזער לעצטער און אנטשיידענער...״
„דאָס איז אונדזער לעצטער...״ — זינגסטו.
ביסט אַלט געווען אכצן יאָר, ריוועליע שניידער,
און ביסט נישט געווען דאָרט די יינגסטע.

..אכצן יאָר קרייזן אַ קרייז אַרום קלאָמב פון דער תפיסה.
אַכצן יאָר — אַ בונט בינטל בלומען אין בליען.
נאָר ס'טאָרן די גרינע מונדירן נישט וויסן —
אַן אָפענע וווּנד איז פאַר דיר יעדע שקיעה.

און חברטעס דאַרפן נישט זען, ווי אין קאַמער
סודעט זיך ווער מיט אַ פרילינג אַ בלויען,
נישט הערן, ווי ס'הילכן אין ברוסטן, ווי האַמערס,
די נאָענטע ווייטן פון יענער זייט מויער.

שטאָלץ איז דיין בליק און פאַרעקשנט דער שטערן,
כאָטש זאַפטיק און הויך ווי אַ גלאָק — דיין געלעכטער.
נישט איינמאָל די תפיסהשע רו פליעגט ער שטערן,
און ס'האָט צו זיין ביקס זיך געוואָרפן דער וועכטער...

איך ווייס: אַכצן יאָר קאָנען ברענען און ווי טאָן.
שווער איז דאָס וואקסן אין קאַמערן ענגע.
די ווענט דאָ — זיי ווערן נישט העכער, נישט ברייטער —
דיין שאָטן, וואָס פאלט אויף זיי, וואקסט און ווערט לענגער...

איך זע, ווי דו שפאַנסט צווישן שטיינערנעם פירעק
מיט זיכערן גאַנג, מיט געדאנקען נישט היגע.
דאָ ווערט אויסגעטראָטן א וועג, וואָס וועט פירן
פון טרוימען צו מעשים, פון קאמפן — צו זיגן.

2

פאַרדאָן

ווער זאָגט, אז פאַרדאָן איז נישט פוילן?
ס'איז פאַטערלאַנד די לופט אין תפיסה,
און פאַטערלאַנד די רויטע קויל איז,
וואָס טרינקט זיך אין דער ווייסל־ווייסלע
דורך קראַטעס אייזערנע צעריסן,
אויף קליינע קעסטעלעך צעקעסטלט.
ווי שטיקער לייב ביז בלוט צעביסן,
דאָ וועכטן, יאָרן לאַנגע, בעסטע.
געטריי אזוי, אזוי פאַרביסן
די קורצע לענג פון ווייסל מעסטן,
און וועכט פון אונטער שלאָס און שליסל
איר זיין אַן אַנזאָג, זיין איר פעסטונג.

ווער זאָגט, אז פאַרדאָן איז נישט פוילן?
דאָ רעדט פון ווענט אראָפּ געשיכטע,
פון גרויע תפיסה־ווענט, פון הוילע.
דאָ ווערן פריי און קעמפן דיכטער —
מיצקעוויטש קלינגט דאָ אַנדערש, נייער.
ער צינדט געדאנקען אָן מיט פייער
און ווערט דורך הערצער אָנגעצונדן.
איך ווייס נישט וועמען ווער ס'באַוונדערט,
איך ווייס נאָר איינס: ער ווינטשט דיר פרייהייט.

דאָ איז דיין ערשטער קוואַל פון ווײַסן:
וואַרינסקי, קאַספּשאַק און מאַרכלעווסקי.
(וואַרינסקי קומט אַהער פון תּפיסה,
פון שליסלבורג, פון ערטער פרעמדע;
גייט אויס און שטאַרבט אויף דיינע הענט דאָ.
דו גיסט אים אָפּ דער בלויער ווײַסלע).

3

עך, די אייזערנע קראַטעס צערייסן —
באַפרייען, באַפרייען די ווײַסל!

אין זילבערנע אָרעמס זיך וואַרפן,
דערהערן איר טיפקייט איר שאַרפע;

אין פרייליכע שטראָמען, אין קילע
דאָס אייגענע בלוט צו דערפילן.

דערשווימען, דערשווימען, דערשווימען
צו ליכטיקע ברעגן — צו גרינע.

די זון צו דערלאַנגען פון וואַסער,
אַ וואַרף טאָן זי הויך איבער גאַסן

און אויסשרייען פרייד, ווי אַ ווייטיק,
און אויסטרינקען דורשטיק די ברייטן.

עך, די אייזערנע קראַטעס צערייסן —
באַפרייען, באַפרייען די ווײַסל!

4

1939

די ערד און דער הימל, דער הימל, די ערד
זענען פאַרשאָטן, צעמישט און צעשטערט.

נאָר פאַרדאָן איז שטיל מיט אַ שטילקייט אַ שלעכטער —
געבליבן איז פאַרדאָן אָן וואַך און אָן וועכטער.

א קנאַל האָט צעשפּאָלטן דעם תפיסהשן מויער;
די ווייסל איז גרעסער געוואָרן און גרויער.

די ווייסל איז גרויער געוואָרן און גרעסער.
ס'איז פאַרדאָן אָן אַ וואַך, נאָר פאַרשלאָסן אויף שלעסער.

פּינטעלעך, פּאַסיקלעך — ס'רעדן די ווענט *.
די נאָענטסטע קאַמער גיט איבער: „עס ברענט!"

אַ צווייטע גיט איבער: „חברים, אָן שרעק".
ריוועלע שניידער, איך זאָג דיר: מען מעג.

אויב דאָס הארץ גיט אַ ציטער אין שטיינערנער שטייג,
פאַרריגלט אויף שלאָס און אין פלאַמען,

שריי נישט מיט ציינער־געקריץ צו דעם: „שווייג!" —
ס'האָט דערזען אינעם פייער דיין מאַמען...

ריוועלע שניידער, זיי מילדער צום הארץ,
וואָס ווייסט נישט פון וועגן פון קרומע.

דער הימל ווערט ליכטיק און נאָכאַמאָל שוואַרץ,
זאָל קומען שוין דאָס, וואָס ס'דאַרף קומען!

פּאַסיקלעך, פּינטעלעך... האַסטיקער, שנעל.
„שטורמען די טויערן!" — פאַלט אַ באַפעל.

.5

ביסט יונג אין תפיסה־קלייד און שלאַנק:
כ'דערקען דיין טראָט, כ'דערקען דיין גאַנג.
מיט אויסגעשטרעקטן בליק פאַר זיך,
ווי ס'שטרעקט אַ בלינדער אויס זיין האַנט
צו נאָך נישט שיינענדיקער ליכט.
די גייסט דורך חורבות פון דיין לאַנד

* מאָרזע — אַלפאַבעט, מיט וועלכן די פּאָליטאַרעסטירטע האָבן זיך באַנוצט צום קאָנטאַקטירן זיך מיט אַ שכנותדיקער קאַמער דורך אַ וואַנט.

און זאָגסט דעם הארץ נישט אָן מער: „שווייג",
און זוכסט די נאַכט פאַר דיינע טריט.
דו קושסט אַן אָפּגעבּרענטע צווייג
און זעסט איר מאָרגנדיקן צוויט.

6

אין פעלד־שפּיטאָל

באַקוועד פּולק.
פּערטע דיוויזיע, צענטע באַטאַריי.
„ניין, סאַקאַדזע, קאָמאַנדיר,
עס טוט נישט וויי;
עס טוט שוין גאָרנישט וויי —
נאָר לאָז מיך נישט אַליין, פאַרבלייב מיט מיר.

ווי זעט דער הימל אויס ביי דיר אין לאַנד?
ווי זאָגט מען אויף גרוזיניש — ליבע?
און אויב כ'בין איינע, איינע בלויז געבליבן,
און כ'וועל שוין קיינמאָל מער...
ס'איז ווייך אַזוי דיין האַנט.

ווי גוט ס'איז, לעבנדיק, צו בענקען נאָכן לעבן
אין יעדער שעה, מינוט, אין חלום און אויף וואָר,
און דאָך נישט זיין צו דעם קיין קנעכט,
זיין גרייט עס אָפּצוגעבן...

כ'האָט דיין זעניט־אַרטילעריסט שוין גרויע האָר,
נאָר נאָכן זיג — זיי וועלן ווידער שוואַרץ דאָך ווערן —
מיר זענעןביידע אַלט צוזאַמען פופציק יאָר.
פאַרוואָס איז שווער צו אָטעמען,
אַלץ שווערער?
פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי פאַרשטענדלעך מיר און קלאָר?..."

7

ניין, רייוועלע שניידער, ס'איז נאָך נישט די צייט —
די זעלנערשע מי איז אויף לאַנג דיר געגעבן.
נישט איין מאָל נאָך וועסטו פאַר היימישער ווייט
זיך גרייטן צו שענקען דיין לעבן.

8

פאַר פרייהייט

עך, די אייזערנע קראַטעס צערייסן,
באַפרייען, באַפרייען די ווייסל! —
זיי שטאַרק, מיין קינד.

אין פרייליכע שטראָמען, אין קילע
דאָס אייגענע בלוט צו דערפילן —
וועסט עס דערפילן אַצינד.

דערשווימען, דערשווימען, דערשווימען
צו ליכטיקע ברעגן,, צו גרינע,
אונטערן פייער פון פיינט.

אין זילבערנע אָרעמס זיך וואַרפן,
דערהערן איר טיפקייט איר שאַרפע
מיט אַ גראַנאַט אין דער האַנט.

די זון צו דערלאַנגען פון וואַסער,
אַ וואַרף טאָן זי הויך איבער גאַסן —
און אונדזער פאָן איבער איר.

אויסשרייען פרייד, ווי אַ וויטיק,
און אויסטרינקען דורשטיק די ברייטן —
הו ביסטו איצט, קאָמאַנדיר? — — —

9

קום איבער פארקן, קום איבער סקווערן,
דו וועסט שווייגן, איך וועל הערן,
אויב דו האסט נאך ליב צו שווייגן.
ס'בליִען אפגעבראָכענע צווייגן —
דו האסט זיי אמאל מיט טרערן
צוגעזאגט דאס בונטע בליִען.
ס'פאלט די זון אויף דיינע וויִעס,
און דיין קליינער גלעט א צווייגל:
„מאמע, זע, די ביימער בליִען"...

אין דער עפּאָכע פון אַטאָם

ס׳וועט ווייטע ווייטקייט נאָענט ווערן
און אַלע שטערונגען צעשטערט.
אַ טעלעפאָן־דראָט וועט די שטערן
דירעקט פאַרבינדן מיט דער ערד,

ס׳וועט דער קאָסמאָס שטיין מוטער־נאַקעט
אַנטקעגן פאַרשנדיקן גייסט,
און ס׳וועלן ווערן דורכגעאַקערט
אַלע שטערן איינציקווייז.

אַלץ צו דערקענען, צו דערגרייכן...
נאָר דו וועסט בלייבן נישט דערקענט.
דו וועסט מיט אייגן ליכט נאָר לייכטן
און ווערן נאָר פון ליכט פאַרברענט.

אין אַלע צייטן, אַלע צייטן
וועט נאָר דיין בלוט דיר זיין אַ האַר.
און ווער ס׳וועט וואַגן דאָס צו בייטן
וועט צאָלן מיט זיין טויט דערפאַר.

אָן דיר איז פינצטער יעדער וויסן,
אָן דיר איז יעדער פּלאַן פאַרשוואַרצט.
די קראַפט — דו האָסט זי אויפגעריסן,
מיין צאַפּלדיק, מיין מענטשלעך האַרץ.

אינהאַלט

	זייט
א ליד	5
ביסט ווידער דאָ...	6
אַ באַגעגעניש	8
ווייטיק און פרייד	9
ערב מאי	10
טאַטע־מאַמע	12
פירסט, מאַמע, דאָס קינד ביים הענטל...	14
א קינד האָט פארבלאָנדזשעט...	15
ראָבי און מיכאל ראָזענבערג	17
צום דיכטער נאָזים היקמעט	18
איך...	19
זיי האָבן די אייגענע הערצער...	21
* * *	23
דער רויטאַרמייער אין מיין שטאָט	25
ביים דענקמאָל פון דאַנקבאַרקייט	27
א באַגעגעניש מיט יען סו־מין	29
א ליד	30
מיין בלומען באַריקאַדע	31
מיין היים	32
אַ שפּאַציר אין אַ האַרבסט־נאַכט	34
איינזאַמקייט	36
ס'האָט פאַרפלאָנטערט זיך אין מיינע האָר אַ כריזאַנטעמע	37
דו זאָגסט...	38
איך ווינטש דיר, טייערער, צום נייעם יאָר...	40
* * *	41
ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין א נאַכטיקער שעה	42

אויף יוליאַן טווימס טויט	44
אויף דער גרענעץ־וואַך	46
* * *	48
אַ וועכטער	49
22 יולי	50
אַ ליד וועגן אַ יונגן בלעכער	52
יענעמס פרייד	53
א האַנט־דרוק	54
אין צוג	55
צו מיין פאַרטיי־לעגיטימאַציע	56
פון אַ געשפּרעך מיט א חבר	58
פאַר פרייהייט	60
אין דער עפּאָכע פון אַטאָם	67